Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1937

34

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 34

ווער זשע וועט דערציילן, ווער זשע,
שמייכלט איצי אומגעהויער,
וויאזוי איז עס דער קערזשנער
דאָך געבליבן אָן אן אויער?..

אז צו אלץ ט׳ער צוגעהערט זיך,
צו די ווענט און צו דער ערד;
נאָכדעם האָט ער א טאָג פערציק
גאָר שוין גאָר מער ניט געהערט...

מ׳אין ארייַנגאן, מ׳איז געקומען
אזוי לעבעדיק און לוסטיק, —
ווער אפ אקסל מיט א קלומעק,
ווער מיט קלומעקעס געברוסטיקט...

און א קוק מ׳האָט אויסגעגאָסן...
אז דאָס הארץ האָט זיך צעבויטעט:

— זיצט... אָט נעמ איכ גלײַכ א מאָס אײַכ, —
און זיכ נידעריק פארבויגנ...

— נעמ אונדז ניט קײנ מאָס! — שרײַט אײנער
און א ריס פונ אימ די מאָס, —
די נעשאָמע, קירזשנער!.. שטײ נאָר! —
— וואָס? — פרעגט איצי, — זאָגט איר, וואָס?.. —

האָט ער זיכ דערלאַנגט א הוידע,
אײנ אויג ווינקט און אײנס פארמאַכט:
— קריכ, מויסײ, ארופנ בוידעמ,
קריכ, מויסײ, ארופנ דאַכ! —

קוקט פארוואונדערט מאָנטעפיאָרע
אפ צעשוימיקטע פאַפאַכעס,
אונטער פענצטער וואַרטנ יאָרנ
און אנ אומעט — אפנ דאַכ איז...

האָט מויסײ זיכ אויסגעבויטעט,
האָט מויסײ זיכ אויסגעגלײַכט:
ווו זשע איז ערגעץ דער בוידעמ?
ווו זשע איז ערגעץ דער דאַכ?

ס'האָט מויסײ געהערט א קאָל נאָר
און א קוויטש, ט'זיכ אימ געדאַכט, —
מיט אנ אופגעשטעלטנ קאָלנער
ז'ער געזעסנ אפנ דאַכ.

און געקוקט אין ווייַטן אומעט,
און געקוקט — אים אַלץ ז׳באַוווּסט דאָ...
מ׳איז אריַינגאַנגען, מ׳איז געקומען
אַזוי לעבעדיק און לוסטיק.

און דעם קירזשנער אַפן וואַרשטאַט,
און דער וואַרשטאַט — אַפּ אַ קאָל —
און די טשאָפּרינעס ווי באַרשטן,
און די באַרשטן — אַפּן פּאָל.

אַ בייז-וווּנדער און ס׳איז פריילעך,
און סע טרייסלט זיך די שטאָט,
און מע סאַפּעט, און מע קוילעט,
און ס׳איז קיינער שוין נישטאָ.

מ׳איז אריַינגאַנגען, מ׳איז געקומען
אַזוי לעבעדיק און לוסטיק,
און דעם אויער מ׳האָט גענומען
נאָר אַזוי זיך אַפּ אַ מוסטער —

מיט אַ שערל צוויי־דריַי צוקע,
און געבראַכט אים פּאַר מאַכנאָ:
אויב סע וועט דער מוסטער צוגיין,
וועט מען קומען נעמען נאָך.

ס׳קלינגען אָפּ די יאָרן ראַשיק,
ווי מיט גלאָז זיי קלינגען אָפּ:

וואָס באראשעק, ווען באראשעק,
אז דער קאָפּ איז ניט קיין קאָפּ...

וואָס, אז ס'פּעלט אין שטאָט קאראקול?
וואָס קיין שמויסלעך איז נישטאָ?
אז סע איז שוין גאָר סאכאקל
מער די שטאָט שוין ניט קיין שטאָט.

דאָס איז צווייטנס, און אין דריטן —
גיט דאָס הארץ זיך אים א קלאַפּ:
ווען קריכט אין קאָפּ איצט היטלען,
אז דער קאָפּ איז ניט קיין קאָפּ.

שמייכלט איצי אויס דעם טרויער:
וואָס זשע טאָן האָט מען געקאָנט,
אז מאכנאָ געפּעלט דער אויער,
און דעניקינען — דער קאָפּ...

דרעשן טעג איצט הייסע ווינטן:
ווּ איז פרייד און ווּ איז אומעט?
ס'וואלגערט זיך אפּ הארבסט דער ווינטער,
נ'אפּן פרילינג פּליס דער זומער, —

און עס פליִען אָן די ווײַטן
אפּ די יאָרן די פארוויגטע:
אז ס'האָט אים פון אלע זײַטן, —
זאָגט דער קירזשנער, — צוגעדריקט דאָ...

האָט ער זיך צונויפגעפּעקלט
נאָך א מאָל דעם נישער לעבן
און אוועק דאָרט אפ דער ספּעקע
טראָגן שטיינער צו א הרעבליע.

בעסער, — טראַכט ער, — ווען סע לאָזט זיך,
וואָלט פון אלץ געווען אזוי:
ער זאָל גאָר אוועק קיין מאָסקווע
און אריין אין מאָסקוואָשוויי.

נאָר דער דניעפּער איז דערנעבן,
ס'איז דער דניעפּער בא דער האנט;
און ס'איז אומעטום — א הרעבליע,
און ס'איז אומעטום — דאָס לאנד...

---

פּארוקט איז בא איצין אין גארטל א האק —
ער האקט און ער טראָגט דאָרט די שטיינער געשמאק.

ער לויפט און ער שטופּט זיך: וואָס גיכער און מער...
אים דאכט זיך — ער האָט דאָ נאָך אלץ ניט דערהערט.

ער איז אזוי לייַכט — נאָר ס'איז שווער אים דאָס גיין,
ס'איז שווער ניט דער שטיין, נאָר ס'איז שווער דאָס פארשטיין.

אים דאכט זיך — מע טראָגט אים, ער גייט ניט אליין.
און אלץ — אזוי גרויס, און ער — אזוי קליין...

איז שטעלט ער זיך אָפּ. איז בלײַבט ער דאָרט שטײן:
ווײ, ס'ארא גרויסער און גוואלדיקער שטײן!

און הערט מיט אײן אויער און זעט מיט אײן אויג:
אָט קוקט זי, די לײדיקע שטוב מיטן שטויב.

אָט קוקט מאָנטעפּיאָרע. דער שאבעס. די היים.
דער אײנציקער אויער אים שפּאלט זיך אפּצוווײען...

דאכט זיך — א ווינט אין זײַן שילדעלע קלאַפּט,
און שמײַסט דאָרט די היטלען און רײַסט זײ אראָפּ.

און ס'דאכט זיך — עס עפענען פענצטער זיך אוף —
און עמעצער ווינקט אים און עמעצער רופט...

און ס'גיט א סירענע זײַן אויער א ריס:
קירזשנערל איצי, דו זעסט וואָס דאָ איז?

דו זעסט עס, דאָס לעבן? נעם עס, ס'איז דײַנס!
נ'פאר אָט-אָ דעם לעבן איז אלעס קעדײַ!

דער טײַך און דער הימל, די ערד און דער ברעג,
און אָט־אָ די ליכטיקע גאָלדענע טעג.

קאָנסט עס ארײַננעמען? — נעם עס ארײַן!
דו זעסט עס? באקאָנ זיך! נעם עס — ס'איז דײַנס!

קוקט זיך דער קירושנער ארומ און ארום:
וואָס איז דאָ גלײַך און וואָס איז דאָ קרומ?..

—

און שטעלט אָן דעמ אויער און קוקט זיך ארײַן:
עס ווילט זיך דעמ אלעמען ווערן געטרײַ...

נאָר אז סע טוט אפּ אימ אומעט א וויי,
שרײַבט ער א בריוו צו זײַן זון — צו מויסיי:

„בא מיר ווי־ניט־איז — איז די זאך שוין אזוי:
סע קומט מיר ניט שנײַדן — איך האָב ניט געזייט..

איך שרײַב מיט א ווערטל דעריקער, מויסיי —
ווײַל איך בין א קירושנער, און דו ביסט מויסיי!

אקיצער האמײַסע, — איז הער זשע מויסיי:
די זאך איז אין דעמ, וואָס איך קאָן ניט פארשטיין,

מיט וואָס איז עס בעסער צו טראָגן דעמ שטיין,
ווי נ׳דר׳היימ בא דער׳ שאפע מיט היטלען צו שטיין...

זאָל ער מיר מויכל זײַן — לענין — אליין,
כ׳פארשטיי ניט דעמ סייכל. כ׳פארשטיי ניט דעמ מיין.

וואָס עמעס איז עמעס. מע זאָגט מיר: ס׳איז מײַנס,
איז קוק איך און טראכט: ס׳איז פון זייער צאד פײַן!

מע זאָגט עס ניט מיר, נאָר צו אַלעמען גלײַך:
אָט דאָס איז אינגאַנצן — אינגאַנצן פאַר אײַך!

און אויסגעבויט האָט מען א פּאַלאַץ — אַליין,
א ווערסט אין דער ברייט און א ווערסט אין דער לענג.

איז ער נאָך ניט פאַרטיק. מע זאָגט — ער איז קליין.
איז קאָן איך דאָס אויך ניט אינגאַנצן פאַרשטיין.

איז זאָג מיר, מײַן זאָהן, איז זאָג מיר, מויסיי:
וואָס דאַרף דען א קירזשנער אַזאַ מין פּאַליי?

ער איז טאַקע גרויס און ער איז טאַקע שיין,
נאָר גרינגער ז׳צו האָבן א שטיבל א קליינס.

טאָמער — א קינע, טאָמער — וואָס,
מאַלע־וואָס... בין איך — באַלעבאָס!

און דאָס, וואָס ס׳קומט אויס, אַז ס׳אַן אייגענע זאַך,
איז זיץ איך און שרײַב דיר, איז זיץ איך און טראַכט:

כ׳פאַרשטיי ניט, מויסיי, ווי קאָן עס דען זײַן,
ווי קאָן עס זײַן מײַנס, אַז ס׳איז דײַנס און ס׳איז זײַנס?

דעריקער איז דאָס, וואָס סע קומט מיר ניט אויס:
אַז טאָמער, לעמאָשל, איך וויל מיר אַרויס,

איז ווי וועט מען טיילן אזא מינ̣ פאליי —
פאר מיר איז ער גרויס, און פאר אים איז ער קליינ...

לאָז ער מיר מויכל זײַנ — לענינ — אליינ,
כ׳פארשטיי ניט דעם סייכל. כ׳פארשטיי ניט דעם מיינ.

אָט האָט מען געבראכט איצט א נײַעם נאסאָס.
פארשטייסט? א נאסאָס! און איכ ווייס ניט צו וואָס.

ווענ כ׳האָב אים באַ זיכ, ווענ איכ האָב אים אינ דר׳היימ, —
איז קאָנ מען שוינ ווי־ניט זיכ געבנ א דריי...

איז גיב איכ, מויסיי, זיכ א טראכט אפ צוריק:
אז וואָס איז די פאָלזע? און וואָס איז דאָס גליק?

ווענ ס׳שטייט דער נאסאָס, לאָמיר זאָגנ, בא מיר,
איז, זײַ אזוי גוט, און מע גיט אים א פיר,

און מע ברענגט אים אהער, און מע נעמט אים א מאָס,
און — זײַ, כאווער איצי, אָט דאָ באלעבאָס!

אָט זיצ איכ און שרײַב דיר און קוק אינ דער ווײַט:
ס׳איז אלצ, דאכט זיכ, אויבנ און אלצ איז פארטײַעט.

און מענטשנ — א יאמ, און מאשינעס — א וועלט,
און לידער מע זינגט... אז דאָס הארצ סע פארקלעמט...

איך פּרוּוו זיך עס ליב האָבן... ס'גייט אויס דאָס הארץ,
אָט ווי איך האָב ליב געהאַט פּרײַטיקצונאַכטס,

ווי שאַבעס קאַיאָר... ווען מע טרײַבט די קו...
איז זיץ איך און שרײַב דיר און טראַכט זיך און קוק:

א'ויפיל נאַסאָסן און בעהיימעס און פערד —
און ס'איז אַזוי ברייט און גערױם דאָ די ערד...

און לידער מעסוקענע וואַקסן אין וועג,
אַז ס'רײַסט זיך דאָס הארץ. די נעשאָמע זיך עקט.

איז ווי זשע באַקומט מען עס ליב אָט — על'עהיי
פּונקט ס'וואָלט געוואַקסן בא מיר אין דער היים...

פּונקט ווי כ'האָב ליב געהאַט די שאַפע, די קלייט,
דאָס בלעכענע שילדל, די אייגענע לײַט.

און ס'איז אַזוי סומנע און ס'איז אַזוי שווער —
איז זיץ איך און שרײַב דיר, איז זיץ איך און קלער,

איז זיץ איך און טראַכט זיך און קלער זיך, מויסיי, —
סע קומט מיר ניט שנײַדן, — איך האָב ניט געזייט.

און שרײַב מיט אַ ווערטל דעריקער, מויסיי, —
ווײַל איך בין אַ קירזשנער, און דו ביסט — מויסיי!"